בעזהשי"ת

# רבנים חסידים נגידים

ביאגראפישע שטריכן פון גדולי הדור
זייערע חסידים און זייערע נגידים

ר' יונתן שווארץ

ערשטער באנד

# פערזענליכקייט

פראפיילס ביאגראפיעס דברי הערכה און שמועסן
מיט אדמורי"ם רבנים גאונים וצדיקים, גדולי וגאוני הדור,
נגידים ותומכי תורה, און אנדערע בארימטע פיגורן

## חלק ג

ברוקלין נ"י - תשפ"ב לפ"ק

# מפתח


## כ"ק הגה"צ רבי חיים אריה לייבוש לייזער שליט"א: האדמו"ר מפשעוואסק 8

אכצן שטונדן א מעת לעת זיצט דער רבי פארשפארט אין זיין ספרים צימער - וועלכע איז איינס פון די גרעסטע תורה ביבליאטעקן אין דער וועלט, טיף פארזינקען אינעם ים התלמוד און אויסגעטון פון די גאנצע וועלט ארום, און לאזט זיך בשום אופן נישט שטערן פון די אידן וועלכע קלאפן אויף זיין טיר לעצה ותושיה * א פילפארביגער ארייינבליק אינעם פשעוואסקער הויף און אויפן גרויסער מנהיג כ"ק אדמו"ר רבי חיים אריה לייבוש לייזער שליט"א, וועמענס תורה'דיגע ליכטיגקייט שיינט איבער גאנץ יהדות אייראפע

## די רייכמאן פאמיליע 24

די אויפגאנג און אונטערגאנג פון משפחת רייכמאן פון טאראנטא, וועלכע איז געווען לעגענדאר בארימט אלס די מאדערנע ראטשילד פאמיליע פון אונזער צייט, שאקלענדיג די וועלט מיט זייער געוואלדיגע רייכטום, מאסיווע ריעל עסטעיט אונטערנעמונגען, און אסטראנאמישע פילאנטראפיע פאר יעדע וואוילטעטיגע צוועק, אויף א פארנעם וואס מען האט נאך בעפאר נישט געהערט אין די היסטאריע * לאמיר זיך באקענען פונדערנאנט מיט די רייכמאן ברודער, זייערע עלטערן, און זייערע קינדער און אייניקלעך די היינטיגע רייכמאן ביליאנערן וועלכע זענען כולל אינגעלייט און מחברי ספרים

## הגאון רבי חיים ישעי' קעניג זצ"ל: אבד"ק יאקא 52

מיט עטליכע יאר צוריק האבן מיר געהאט די זכיה ארייינצוגיין בקודש פנימה אויף א אינהאלטסרייכע שמועס מיט הפוסק הגדול מרן הגאון הישיש אבד"ק יאקא זצ"ל, וואס איז געווען דער לעצט פארבליבענער רב וואס האט נאך געדינט אלס רב פארן וועלט קריג, און מיר האבן דערביי געהערט חוות דעת תורתו איבער פארשידענע נושאים וועלכע זענען אויפן סדר היום ביים יהדות החרדית, און ווי אויך העכסט אינטערעסאנטע ענינים ועובדות קודש פון די גדולי הדור פונעם פריערדיגן דור

## הרב מרדכי פריימאן ז"ל: משב"ק הה"ק ר' שלמה'קע מזוועהיל זי"ע 66

מיט געציילטע יאר צוריק איז נפטר געווארן הרב מרדכי פריימאן ז"ל, וואס האט זוכה געווען צו באדינען דעם צדיק הפלא ר' שלמה'קע זי"ע, דער הייליגער רבי פון זוועהיל וואס האט באלאכטן די גאסן אין ירושלים פאר 75 יאר צוריק * אין א שמועס וואס איך האב אפגעהאלטן מיט אים א יאר איידער זיין פטירה, האט ער פארציילט ערשט-האנטיגע זכרונות און וואונדערליכע זאכן וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט און מיטגעלעבט

## הגאון רבי צבי מאיר ליכטיג ז"ל: תלמיד ישיבת חכמי לובלין 80

מיט א יאר צוריק איז נפטר געווארן בשיבה טובה הגאון הישיש רבי צבי מאיר ליכטיג ז"ל וואס האט געוואוינט ביים ווינקל פון בארא פארק. עטליכע חדשים בעפאר זיין פטירה האב איך אפגעשטאט א באזוך ביים גאון, ווען ער האט דערביי אויפגעוויקלט היסטארישע זכרונות פון 85 יאר צוריק אלס קינד אין קראקא, און פון אלס בחור אין ישיבת חכמי לובלין, וואס ער איז געווען פון אירע לעצט פארבליבענע תלמידים * זקניך ויאמרו לך

# מפתח

**הרבנית בתש"ק פעסיל פרידמאן ע"ה:** בת הה"צ מפארציוואו ז"ל 94

רביצין פרידמאן פארציילט איר אויסערגעוועגליכע געשיכטע, וויאזוי זי איז אדורך די שרעקליכע קריגס יארן, אנגעהויבן אינעם טרויעריג בארימטן ווארשאווער געטא, פון וואו זי האט זיך ארויס געשמוגעלט, און עווענטועל אנגעקומען קיין אונגארן, לעבענדיג אונטער א שטענדיגע שרעק פון געכאפט ווערן אומלעגאל אין לאנד * עווענטועל איז זי געווען צווישן די גליקליכע אינעם 'קאסטנער-טראנספארט' קיין בערגן בעלזן, וואו זי האט זיך אויפגעהאלטן א האלב יאר, ביז זייער עווענטועלע באפרייאונג קיין שווייץ, אום כ"א כסליו, אינאיינעם מיטן סאטמאר'ער רבי'ן זי"ע, ווען דער רבי און די רביצין געבן זיך אפ מיט איר ווי אן אייגן קינד

**הגה"ק רבי משה אריה פריינד זצ"ל:** גאב"ד ירושלים 128

ירושלים עיה"ק, די עיר מלאה חכמים וסופרים, האט זוכה געווען צו האבן דעם ליכטיגן געשטאלט פון דעם גאון וקדוש, צדיק נשגב, רבי משה אריה פריינד זצוק"ל אלס רב און אב בית דין. א שטעלע וואס ער האט אנגעהאלטן בגאון ובעוז פון די פטירה פון בעל ה'מנחת יצחק' ביז צו זיין פטירה אינעם טאג כ' אלול תשנ"ז לפ"ק * לאמיר זיך באקענען מיט דעם תורה'דיגן לעבנסשטייגער פונעם גאב"ד ז"ל, און אויך הערן פון די חשובע אשת חבר, הרבנית הצ' תליט"א, וואס דערציילט אביסל פון זיינע הנהגות בקודש, און גיבט איבער עטליכע אנעקדאטן פון די גדלות פון איר גרויסן מאן זצ"ל

**הר"ר משה הטורי שליט"א:** גר צדק 142

דער לאנגער וועג פון דעם יאפאנ'עזער גלח נובוטיקא הטורי, צו א אידישער רב און ליטווישער תלמיד חכם מיטן נאמען משה הטורי, וועלכער האט אדאפטירט דעם הייליגן גר"א אלס רבו מובהק, און פירט זיך אלע מנהגים ווי דער גר"א * באקענט זיך מיט דעם ליטווישער גר צדק אויפן נוסח הגר"א

**הגאון רבי אברהם יוסף ראזענבלום זצ"ל:** ראש ישיבת שער יושר 158

מיט פינף יאר צוריק האט די עולם התורה והחסידות באוויינט די פטירה פון דער זקן ראשי ישיבות הגאון הגדול רבי אברהם יוסף ראזענבלום זצ"ל ראש ישיבת 'שער יושר' * תלמידו המובהק הרה"ג רבי אברהם הלוי אייזען שליט"א אבד"ק פוזנא, וועלכער האט זוכה געווען צו שטיין ליד ימינו פונעם ראש ישיבה פאר צענדליגער יארן, דערציילט זכרונות איבער די גדלות פון זיין גרויסן רבי'ן און מורה דרך * העמיד תלמידים הרבה

**הנגיד רבי שלמה יהודה רעכניץ הי"ו:** תומך תורה 172

ווי אזוי דער באקאנטער פלאנטראפ הנגיד ר' שלמה יהודא רעכניץ הי"ו אינאיינעם מיט זיין צווילינג ברודער הנגיד ר' ישראל זאב רעכניץ הי"ו האבן אויפגעבויט די מעכטיגע אימפעריע 'טווין-מעד' - די גרעסטע מעדיקעל סופלייער אויפן מערב ברעג, און מיט א פארמעגן געשאצט אויף איבער א ביליאן דאלאר זענען זיי פון די גרעסטע פילאנטראפן איבער די פאראייניגטע שטאטן, און פון א הייעך פון כמעט זיבן פיס קוקן זיי אראפ צו די טיפענישן פון תהום ארויסצוהעלפן יעדן ארימאן

# מפתח


**הה"צ רבי משה אהרן רייך שליט"א:** חדב"נ הה"ק מפשעווארסק 190

אן אפען-הארציגער שמועס מיט הרה"צ רבי משה אהרן רייך שליט"א איבער די געוואלדיגע מדה פון הכנסת אורחים וואס ער האט געירש'נט פון זיין גרויסן שווער הרה"ק רבי יענקעלע און פונעם זיידן הרה"ק רבי איציק'ל פון פשעווארסק, ביי וועלכע ער נעמט אונז ארום ווייזן דעם ריזן הכנסת אורחים פאבריק אין אנטווערפן וואס האט נישט זיינס גלייכן, און אזוי אויך אין בית המדרש פון זיין זיידן * א באזוך אינעם בית החיים אין פיטע האלאנד "א בעל שמ'סקע מעשה"

**הרב החסיד רבי יואליש קרויס הי"ו:** קנאי פון מאה שערים 204

א באזוך אינעם באשיידענער שטוב פון דעם לוחם מלחמות ה' ומנקיי הדעת שבירושלים, הרב החסיד רבי יואליש קרויס שליט"א, אין מאה שערים, וואו ער ציהט אויף זיינע 18 קינדערלעך קעיה"ר געגנצליך אפגעזונדערט פון די דערוויסנדע גאס, און אַן די מינדעסטע השפעה פון די ציוניסטישע מדינה, א באזוך וואס איז פיל מיט איבערראשונגען

**הרה"ח רבי משה גראס ז"ל:** פון גענף שווייץ 216

אין א שמועס מיט הגה"צ רבי שלמה גראס זצ"ל ראש הדיינים בעלזא ב"פ, וועלכער איז נפטר געווארן געציילטע יאר צוריק, האט ער איבערגעגעבן אינטערעסאנטע שטריכן איבער זיין פאטער הרה"ח רבי משה גראס ז"ל פון גענף שווייץ, ביי וועמענ'ס הויז הרה"ק מסאטמאר זי"ע איז איינגעשטאנען נאכן באפרייט ווערן כ"א כסלו תש"ה לפ"ק

**סעגעדי טשונעד:** בעל תשובה 230

לס וויצע פרעזידענט פון די נאציאנאליסטיש פאשיסטישע יוביק פארטיי, און מיטגליד אינעם אונגארישער פארלימענט, אט 'סעגעדי טשונעד' געגאסן פער און שוועבל קעגן דאס אידישער פאלק, אויפפלאמענדיג א שרעקליכע אנטיסעמיטיזם יבערן לאנד. ביז ער האט איין טאג געכאפט די שאק פון זיין לעבן אויסגעפינענדיג אז ער איז א איד! * דער לאנגער וועג וואס דער גרעסטער אנטיסעמיט אין אונגארן האט געמאכט ביזן ווערן אן ערליכער איד א שומר תורה ומצות